**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/21/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף וויכטיגע פונקטן אין עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026: מער געלט אין אייערע קעשענעס**

***גאווערנער'ס אפארדעביליטי אגענדע וועט צוריק ארייןלייגן 5 ביליאן דאלאר אין די קעשענעס פון ניו יארקער מיט א שטייער שניט פאר די מיטעלע קלאס, 'אינפלאציע ריפֿאָנד' און אויסגעברייטערטע טשיילד טעקס קרעדיט***

***גאווערנער שלאגט פאר באלאנסירטע בודזשעט אן קיינע העכערונגען אין אינקאָם טעקס; סטעיט האט 21 ביליאן דאלאר אין רעזערוון 'לכל צרה שלא תבוא'***

***גיבט פריאריטעט פאר די זיכערהייט פון די פובליקום מיט 370 מיליאן דאלאר פאר גאן פארברעכן פארמיידונג, 77 מיליאן דאלאר פאר זעקס-חודשים'דיגע געזעץ אינפארסירונג פארמערונג אויף ניו יארק סיטי סאָבוועיס; נייער געזעץ וועט גלאטער מאכן 'דיסקאָווערי' פראצעדור***

***באנעמט זיך מיט די האוזינג קריזיס מיט ביז 760.5 מיליאן דאלאר פאר האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, 100 מיליאן דאלאר צו העלפן ערשטמאליגע היים קויפער; גאווערנער פארשפרעכט 1 ביליאן דאלאר פאר ניו יארק סיטי'ס 'City of Yes' איניציאטיוו***

***קאנצענטרירט זיך אויף גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר מיט געזעצליכע ענדערונגען ארום האספיטאליזאציע קעגן פאציענט'ס ווילן און "קענדרא'ס געזעץ"; אינוועסטירט 160 מיליאן דאלאר פאר 100 נייע פארענזישע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן ביי וואָרדס איילענד***

***פאראדנט די גרעסטע קלימאט אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע: 1 ביליאן דאלאר צו פארשנעלערן אונזער אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע***

***שאפט שולעס פריי פון שטערונגען מיט סטעיט-ברייטע באגרעניצונגען אויף עלעקטראנישע אפאראטן דורכאויס קלאס אין קלאסצימערן פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס; שטעלט צו איבער 13 מיליאן דאלאר פאר שולעס פאר זעקלעך צו האלטן טעלעפאנען, קאָביס אדער אנדערע נויטיגע אינפראסטרוקטור***

***אינוועסטירט 3 ביליאן דאלאר אין 'סעיפטי נעט' שפיטעלער וועלכע באדינען שוואכערע ניו יארקער; שטייער פון מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס וועט ארייןברענגען 1.6 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג***

**פולע בודזשעט ביכל פארעפנטליכט דא**

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט פארגעלייגט אירע פלענער צו מאכן ניו יארק מער אפּאָרדעבעל און זיכערער אזוי ווי זי האט אויפגעדעקט די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026. די בודזשעט וועט ברענגען מער פון 5 ביליאן דאלאר אין שטייער שניטן, קרעדיטס און ריפאָנדס פאר ניו יארקע פאמיליעס, בשעת'ן מאכן רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין עדזשוקעישען און העלט קעיר און האלטנדיג 21 ביליאן דאלאר אין די רעזערוון.

"א בודזשעט איז מער פון בלויז ציפערן אויף א בלאט — עס דערציילט די געשיכטע פון ווער מיר זענען, וואס מיר האלטן טייער און פאר וואס מיר קעמפן. און לאמיר זיין קלאר: אייער פאמיליע איז מיין קאמף", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די היי-יאריגע בודזשעט וועט צוריק ארײנלייגן געלט אין ניו יארקער'ס קעשענעס און מאכן אונזערע געסער און סאָבוועיס זיכערער. ארבעטנדיג צוזאמען מיט מיינע שותפים אין די לעגיסלאטור, קענען מיר דאס דורכפירן און מאכן ניו יארק פאר די בעסטע פלאץ אין דאס לאנד צו אויפשטעלן א פאמיליע."

**א באלאנסירטע בודזשעט**
גאווערנער Hochul (האקול)'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר Fiscal Year, FY) 2026) רעכנט אריין רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען צו שטיצן ניו יארקער — אן העכערן אינקאָם טעקסעס. די סטעיט איינקונפטן זענען געוואקסן מיט 6 פראצענט זינט לעצטע יאר, און פאר פיסקאלע יאר 2026 איז די סך הכל שפענדונגען פארגעשאצט צו זיין 252 ביליאן דאלאר, א העכערונג פון 3.6 פראצענט. גאווערנער Hochul (האקול) האט געגעבן פריאריטעט צו אויפהאלטן די סטעיט'ס רעזערוון, וועלכע האבן יעצט א רעקארד-הויכע 21.1 ביליאן דאלאר פאר אומערווארטעטע געשעענישן אדער "לכל צרה שלא תבוא". אונטער גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט, זעצט ניו יארק פאר צו היטן אויף א +AA פארטרויליכקייט צייכן אויף אירע באנדס, מאכנדיג דאס ביליגער צו בארגן געלט.

**געלט אין אייער קעשענע**
מיט די קאסטן פון לעבן פארזעצנדיג צו וואקסן, וועט גאווערנער Hochul (האקול)'ס אפארדעביליטי אגענדע צוריק ארײנלייגן 5 ביליאן דאלאר אין די קעשענעס פון טאג-טעגליכע ניו יארקער. דאס רעכנט אריין:

- **3 ביליאן דאלאר** צו צושטעלן 'אינפלאציע ריפאָנד' (Inflation Refund) טשעקס פאר 8.6 מיליאן ניו יארקער, אריינרעכענענדיג 500$ פאר מענטשן וואס פיילן אלס א פארפאלק וואס פארדינען ווייניגער פון 300,000$ און 300$ פאר מענטשן וואס פיילן אליין און פארדינען ווייניגער פון 150,000$
- **1 ביליאן דאלאר** אין שטייער שניטן פאר די מיטעלע קלאס, פאר פינף פון די סטעיט'ס ניין טעקס ברעקעטס, שניידנדיג די ראטעס צו די נידעריגסטע שטאפל אין נאענט צו 70 יאר פאר ניו יארקער וועלכע פיילן אלס א פארפאלק און פארדינען ביז 323,000$ יערליך
- **825 מיליאן דאלאר** צו אויסברייטערן די טשיילד טעקס קרעדיט אין לויף פון צוויי יאר, גיבנדיג פאר בארעכטיגטע עלטערן 1,000$ פאר קינדער אונטער 4 יאר אלט און 500$ פאר קינדער צווישן 4 און 16
- **340 מיליאן דאלאר** צו צושטעלן אומזיסטע פרישטאג און מיטאג אין שולע פאר יעדער שילער אין ניו יארק
- קעמפן צו **פולשטענדיג צוריקברענגען די סטעיט און לאקאלע טעקס דידאָקשען** — וואס איז יעצט מיט א באגרעניצונג וואס קאסט אפ ניו יארקער ביז 12 ביליאן דאלאר יעדעס יאר

**באקעמפן פארברעכן און האלטן ניו יארקער זיכער**
אזוי ווי פארברעכן ראטעס זעצן פאר צו פאלן אין רוב חלקים פון ניו יארק, פארמערט גאווערנער Hochul (האקול) אויפגעוויזענע פארברעכן-באקעמפנדע אינוועסטירונגען. די אינוועסטירונגען רעכענען אריין:

- **370 מיליאן דאלאר** פאר גאן פארברעכן פארמיידונג פראגראמען וועלכע האבן זיך אויפגעוויזן צו אראפטרייבן פארברעכן

- **290 מיליאָן דאלאר** צו פארמערן די ווירקזאמקייט פון די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם דורך אינוועסטירונגען אין געזעץ אינפארסירונג, פראקורארן אפיסעס און מער
- **77 מיליאָן דאלאר** פאר א זעקס-חודשים'דיגע מאביליזירונג פון צוויי NYPD אפיצירן אויף יעדע ניו יארק סיטי סאָבוועי באן צווישן 9:00 ביינאכט און 5:00 פארטאגס און א פארשטערקערטע געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט אויף סאָבוועי פלאטפארמעס — געגעבן אלס מעטשינג פאָנדס צוזאמען מיט נאך 77 מיליאָן דאלאר פון ניו יארק סיטי
- **35 מיליאָן דאלאר** צו באשיצן פלעצער וואס זענען אין סכנה פון האסע פארברעכנס דורך די 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע פארברעכנס' ( Securing Communities Against Hate Crimes) אינציאטיוו
- **30 מיליאָן דאלאר** פאר וואלונטיר פייער דעפּארטמענטס און אמבולאנס סערוויסעס (emergency medical services, EMS)
- **13 מיליאָן דאלאר** צו אויפשטעלן א נייע סטעיט פארברעכן אנאליזירונג און געמיינזאמע ספעציעלע אפעראציעס קאמאנד הויפטקווארטיר ( Crime Analysis and Joint Special Operations Command Headquarters, CA-JSOC)
- **8 מיליאָן דאלאר** צו פארמערן סטעיט פאליציי אנוועזנהייט לענגאויס די גרעניץ צווישן די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדע
- **5 מיליאָן דאלאר** צו אויפנעמען נייע אינפארסירונג איינגעשטעלטע ביי די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM) צו פארזעצן מיט די באמיאונגען צו קעמפן קעגן אומלייסענסירטע פארקויפונגען
- **5 מיליאָן דאלאר** צו אויפנעמען און טרענירן דראג אידענטיפיקאציע עקספערטן און אזוי אויך אריבערפירן געזעצן צו שטרענג אינפארסירן דאס דרייווען אונטער די איינפלוס פון דראגס
- א געזעץ צו **אויסגלאטן די 'דיסקאָווערי' פראצעדור** צו פארזיכערן יושר'דיגע פראצעסן, ברענגען אן ענדע צו פראצעדוראלע פארשפעטיגונגען און האלטן קרימינאלן פאראנטווארטליך

**בויען. מער. האוזינג.**

לעצטע יאר האט גאווערנער Hochul (האקול) געארבעט מיט די לעגיסלאטור צו אריבערפירן א היסטארישע רייע פון האוזינג בילס — די מערסטע ארומנעמיגע רייע פון בילס צו פארמערן האוזינג אויפן מארקעט אין נאענט צו 50 יאר. גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארזעצן צו קעמפן צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט מיט:

- **1 ביליאָן דאלאר** אויסגעשפרייט איבער פינף יאר צו שטיצן האוזינג קאנסטרוקציע אין ניו יארק סיטי דורך די "City of Yes" אינציאטיוו
- **760.5 מיליאָן דאלאר** אין פינאנצירונג וואס זענען דא צו פארטיילט ווערן לויט די רעגירונג'ס שיקול הדעת פאר 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' (Pro-Housing Communities), אריינרעכענענדיג א 100 מיליאָן דאלארדיגע אינפראסטרוקטור קאסע אויסשליסליך פאר די 266 קאמיוניטיס וועלכע זענען סערטיפייד אלס 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' און פאר אנדערע לאקאלע רעגירונגען וועלכע שליסן זיך אן אין דעם פראגראם
- **250 מיליאָן דאלאר** צו אויפבויען האוזינג אויף לענדער אין סטעיט רעגירונג אייגנטום דורך די איבערבויאונג פון נישט אויסגענוצטע שטחים פאר האוזינג ( Redevelopment of Underutilized Sites for Housing, NY RUSH) אינציאטיוו
- **100 מיליאָן דאלאר** פאר ערשטמאליגע היים קויפער, אריינרעכענענדיג 50 מיליאָן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פאר ביליגערע ערשטע היימער ('סטאַרטער האָומס') און 50 מיליאָן דאלאר אין הילף פאר דאַון פּעימענטס
- **50 מיליאָן דאלאר** פאר דעם Resilient and Ready פראגראם צו העלפן היים אייגנטימער וועלכע ווערן באטראפן דורך עקסטרעמע וועטער
- **50 מיליאָן דאלאר** צו אויפשטעלן די סאמע ערשטע 'ריוואָלווינג' הלוואה קאסע פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען צו אויפטרייבן דעוועלאפמענט פון רענטעל האוזינג פאר א געמיש פון איינקונפט שטאפלען אינדרויסן פון ניו יארק סיטי

- **30 מיליאן דאלאר** אין אפאָרדעבעל האוזינג דורכן טאפלען די טעקס קרעדיטס וועלכע זענען דא צו באקומען דורך דעם ניו יארק סטעיט נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט ( State Low Income Housing Tax Credit, SLIHC) פראגראם, ערווארטעט צו אויפטרייבן 210 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונג

**אונטערטרייבן עקאנאמישע וואוקס**
אונטער גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט, האט ניו יארק צוריק באקומען אלע דזשאבס וועלכע זענען פארלוירן געווארן דורכאויס די פאנדעמיע און אזוי אויך פארזיכערט א 100 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פון Micron, די גרעסטע פריוואטע אינוועסטירונג אין אמעריקאנע היסטאריע. צו ארויפבויען אויף די עקאנאמישע וואוקס, טוט גאווערנער Hochul (האקול) פארשלאגן:

- **750 מיליאן דאלאר** פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן וואס באדינען קאמיוניטיס אריבער ניו יארק, ווי די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו ( Downtown Revitalization Initiative, DRI) און די New York Works עקאנאמישע אנטוויקלונג קאסע
- **400 מיליאן דאלאר** פאר אן ערשטמאליגע אינוועסטירונג אין די סיטי אָוו אלבאני צו פארשטערקערן אונזער סטעיט'ס הויפטשטאט
- **300 מיליאן דאלאר** צו אויסשטאטן לאקאציעס מיט עלעקטריציטעט אינפראסטרוקטור צו זיין גרייט פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג דורך די 'שטופן פאר געלעגנהייט מיט עלעקטריציטעט גרייטקייט פאר נישט דעוועלאפטע פראפערטיס' ( Promote Opportunity with Electric Readiness for Underdeveloped Properties, POWER UP) קאסע
- **165 מיליאן דאלאר** צו פארלייכטערן די לאסט פון אינטערעסט באצאלונגען פאר חובות פון די אָנעמפלאָימענט אינשורענס קאסע (Unemployment Insurance Trust Fund) וועלכע וואלטן אנדערש געדארפט איינגעמאנט ווערן פון ארבעטסגעבער
- **47 מיליאן דאלאר** צו אויסצאלן אומזיסטע קאמיוניטי קאלעדזש פאר ניו יארקער צווישן 25 און 55 וועלכע לערנען פאר דעגריס וואס האבן א פארלאנג, ווי נוירסינג, טעכנאלאגיע און אינדזשענירונג

**א געזונטע אנהויב פאר יעדעס קינד אין ניו יארק**
גאווערנער Hochul (האקול) רוקט זיך פאראויס מיט אן אמביציעזע סטעיט-ברייטע פארשלאג צו איינפירן באגרעניצונגען אויף די באנוץ פון עלעקטראנישע כלים דורכאויס די גאנצע צייט פון קלאס אין קלאסצימערן פון שילער פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס אין ניו יארק. אין די זעלבע צייט זעצט די גאווערנער פאר מיט אירע רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין עדזשוקעישען און מיט פאראנטווארטליכע פארבעסערונגען צו די פאַונדעישען עיד 'פארמולע' (וועג וויאזוי די סומע ווערט באשטימט). דאס שליסט איין:

- **37.4 ביליאן דאלאר** אין סך הכל סקול עיד, אריינרעכענענדיג **1.5 ביליאן דאלאר** אין פאַונדעישען עיד — זיכער מאכנדיג אז יעדע דיסטריקט באקומט מער פינאנצירונג ווי לעצטע יאר
- **1.8 ביליאן דאלאר** אין טשיילד קעיר הילף צו פארזעצן די גאווערנער'ס 7 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו אויסברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר
- **1.3 ביליאן דאלאר** אין נייע אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פאר פובליק קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין די SUNY און CUNY סיסטעמען
- **110 מיליאן דאלאר** צו בויען אדער רענאווירן טשיילד קעיר צענטערן (פלעי גרופּס א.ד.ג.) אין א פארזוך צו עלימינירן טשיילד קעיר 'מדבריות'
- **67.5 מיליאן דאלאר** פאר די 'פלעצער פאר לערנונג, אקטיוויטעט און יונגווארג געזעלשאפט' (Places for Learning, Activity and Youth Socialization, NY PLAYS) איניציאטיוו און נאך **50 מיליאן דאלאר** פאר די סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג צו פארמערן שווימען ( Statewide Investment in More Swimming, NY SWIMS) איניציאטיוו.

- **64.6 מיליאן דאלאר** פאר די 'קאלעדזש אין הײַ סקול געלעגנהייט קאסע' (College in High School Opportunity Fund), העלפנדיג שילער מיט נידעריגע איינקונפט זיך פארדינען קאלעדזש קרעדיטס
- **13.5 מיליאן דאלאר** צו שטיצן די אריבערגאנג צו קלאסצימערן פריי פון שטערונגען, העלפנדיג שולעס איינקויפן זעקלעך צו האלטן טעלעפאנען, קאַביס אדער אנדערע אינפראסטרוקטור
- **9.5 מיליאן דאלאר** צו צושטעלן אומזיסטע ווינדלען און אנדערע געברויכן פאר עלטערן פון נייגעבוירענע בעיביס

**שטיצן גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר**

צוויי יאר צוריק האט גאווערנער Hochul (האקול) געקעמפט פאר א מאסיווע 1 ביליאן דאלארדיגע פלאן צו טראנספארמירן די גייסטישע געזונטהייט סיסטעם פון קעיר — און זי האט דאס דורכגעפירט. די גאווערנער שלאגט פאר נייע אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר, אריינרעכנענדיג:

- **160 מיליאן דאלאר** צו אוועקשטעלן 100 נייע פארענזישע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן ביי וואַרדס איילענד אין ניו יארק סיטי
- **53 מיליאן דאלאר** אין נייע פינאנצירונג צו שטיצן מינימום געהאלט העכערונגען פאר גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר פּראָווײדערס, דיסאביליטי סערוויס פּראָווײדערס און אדיקשען סערוויסעס פּראָווײדערס וועלכע זענען לייסענסירט דורך די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH), אפיס פון מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office of People With Developmental Disabilities, OPWDD) און אפיס פון אדיקשען סערוויסעס and שטיצע (Office of Addiction Services and Support, OASAS)
- **27.8 מיליאן דאלאר** צו שטיצן מענטשן מיט ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן דורכן פארבעסערן צוהעלפנדע באהאנדלונג אינדרויסן פון אן אנשטאלט (Assisted Outpatient Treatment, AOT), אויסברייטערן Safe Options Support (SOS) מאנשאפטן און עפענען נייע 24/7 שעלטער לאקאציעס אין די ניו יארק סיטי סאָבוועיס
- **14 מיליאן דאלאר** צו אויסברייטערן 'קלאַב האַוזעס', גייסטישע געזונטהייט העלט קעיר פאר מאמעס און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר יונגווארג
- נייע בילס צו **פארשטערקערן ניו יארק'ס געזעצן איבער האספיטאליזאציע קעגן דעם פאציענט'ס ווילן און "קענדרא'ס געזעץ" (Kendra's Law)** צו צושטעלן מיטפילנדע קעיר פאר די וועלכע דארפן דאס די מערסטע.

**גרעסטע קלימאט אינוועסטירונג אין ניו יארקע היסטאריע**

גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארזעצן ניו יארק'ס גלאבאלע פירערשאפט מיט קלימאט שריט, פארשלאגנדיג די סאמע גרעסטע קלימאט אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט היסטאריע צו טרייבן די סטעיט'ס פארגעזעצטע עקאנאמישע וואוקס און דזשאב שאפונג. דאס וועט אריינרעכענען:

- **1 ביליאן דאלאר** פאר די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג הייץ (טערמעל) ענערגיע נעטווארקס אויף סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) קאמפוסן, אויסשטאטן עקזיסטירנדע הײמער מיט ריינע אפאראטן ווי היט פאמפּס און שטיצן ביזנעסער מיטן רעדוצירן קארבאן
- **500 מיליאן דאלאר** פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור וואס שטיצט לאקאלע טרונקען וואסער, אפלויף וואסער רייניגונג און נאך
- **125 מיליאן דאלאר** פאר דעם סטעיט 'סופּער-פאָנד' פראגראם (State Superfund Program) צו אויפרייניגן סכנות'דיגע אפפאל און א 10-יאריגע באנייטע אויטאריזאציע פאר דעם סטעיט 'סופּער-פאָנד' פראגראם

- **108 מיליאן דאלאר** צו בויען קלימאט שטאנדהאפטיגקייט, אריינרעכענענדיג 78 מיליאן דאלאר פאר ברעגע באפעסטיגונג און 30 מיליאן דאלאר אין 'גרינע שטאנדהאפטיגקייט גרענטס' (Green Resiliency Grants)

**פארשטערקערן אונזער העלט קעיר סיסטעם**
נאכן אריינגיין אין אפיס אין די מיטן פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, איז גאווערנער Hochul (האקול) פארפליכטעט צו מאכן פאראנטווארטליכע אינוועסטירונגען צו באשיצן די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער. דאס יאר רעכענען די אינוועסטירונגען אריין:
- **35.4 ביליאן דאלאר** פאר ניו יארק'ס Medicaid פראגראם, אריינרעכענענדיג 1.6 ביליאן דאלאר דאס יאר אין פעדעראלע פינאנצירונג אויפגעטריבן זיך באנוצנדיג מיט א שטייער וואס ווערט איינגעמאנט פון מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס (Managed Care Organization, MCO)
- **1.3 ביליאן דאלאר** צו שטיצן די 'סעיפטי נעט' טראנספארמאציע קאסע ( Safety Net Transformation Fund) צו שטיצן שפיטעלער וועלכע באדינען שוואכערע ניו יארקער
- **800 מיליאן דאלאר** פאר פארבעסערונגען צו SUNY שפיטעלער איינריכטונגען.
- **694 מיליאן דאלאר** צו איינפירן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען צו שטיצן העלט קעיר ארבייטער, ארבייטער אין די גייסטישע און עמאציאנאלע וואוילזיין פעלד און סאָושעל קעיר ווארקערס
- **50 מיליאן דאלאר** צו שטיצן צוטריט צו אבארשען און באשיצן פּראָווײדערס פון געוואלדטאטן אדער רדיפות

**אינוועסטירן אין טראנספארמאטיווע טראנספארטאציע**
די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 רעכנט אריין אינוועסטירונגען צו רעדוצירן די דויערונג פון טעגליכע רייזעס און צו אינוועסטירן אין שאסיי, בריק און זיכערהייט פארבעסערונגען אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג:

- **6.9 ביליאן דאלאר** פאר די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס ( New York State Department of Transportation, NYSDOT) אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פלאן
- **1.3 ביליאן דאלאר** פון די אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פלאן צו פארעכטן לאקאלע שאסייען און בריקן דורך די פאראייניגטע הייוועי פארבעסערונג פראגראם ( Consolidated Highway Improvement Program, CHIP), די אויספלאסטערן אונזערע שאסיי לעכער (Pave Our Potholes, POP) איניציאטיוו און נאך
- **3 ביליאן דאלאר** אין סטעיט פינאנצירונג צו שטיצן די MTA'ס פארגעשלאגענע 68.4 ביליאן דאלארדיגער 2025-2029 אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פראגראם
- **344 מיליאן דאלאר** פאר אפסטעיט טראנספארטאציע סיסטעמען און **588 מיליאן דאלאר** פאר נישט-MTA דאַונסטעיט טראנספארטאציע סיסטעמען
- **25 מיליאן דאלאר** פאר פלאנירונג און דעזיין פון פארבעסערונגען צו באן סערוויסעס פאר די האדסאן וואלי, ארבעטנדיג צו אראפנעמען אזויפיל ווי 15 מינוט פון רייזע דויערונגען פאר געוויסע וועגן

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418


שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן